אט הערט די וואונדערליכע פאסירונג וואס האט פאסירט מיט'ן הייליגן אבן עזרא וואס ער אליין שרייבט:
**אין יאר ד' אלפים תתי"ט, ארום חצות, פרייטאג צונאכטס, פערצן טאג אין חודש טבת. איך אברהם הספרדי וואס רופט זיך אבן עזרא, בין געווען אין איינע פון די אינזל שטעט** (אין לאנדאן)**, און איך – שלאפענדיג מיט אן איינגענעמע שלאף – זע איך אין חלום, ווי איינער – אין פארעם פון א מאן'ס פערזאן – שטייט פאר מיר, און ער האלט אין די האנט א פארמאכטן בריוו און זאגט מיר: נעם דעם בריוו וואס דער 'שבת' האט דער געשיקט! איך קני און איך ביק מיך פאר'ן אובערשטן, און איך דאנק און לויב אים אויף וואס ער האט מיר מכבד געווען מיט אזא כבוד, איך נעם דעם בריוו איןביידע הענט, און מיינע הענט טריפן שמעקעדיגע בשמים** (דאס איז ווי א משל, אז אפילו פון בלויז דאס אנרירן דעם בריוו גייט אן איינגענעמע הימלישע ריח).

**איך ליין דורך דעם בריוו, עס איז מיר געווארן זיס ווי האניג!! אבער ליינענדיג די לעצטע פאר שורות האט זיך אנגעצינדן אין מיר א צארן אין הארץ, און מיין נשמה איז כמעט ארויס פון מיר, און איך פרעג דעם וואס שטייט קעגן איבער מיר: "וואס האב איך געזינדיגט?** (אז דער שבת שרייבט מיר די לעצטע פאר שורות) **ווייל** (וויסן זאלסטו, אז) **פון דעם טאג וואס איך ווייס דעם געערטן פארכטיגן באשעפער וואס האט מיר באשאפן און מיר געלערנט זיינע מצוות, האב איך אלעמאל ליב געהאט דעם שבת! און נאך איידער דער שבת איז געקומען, בין איך ארויסגעגאנגען קעגן איך** (מקבל שבת זיין) **מיט'ן גאנצן הארץ, און אויך ווען זי איז אוועקגעגאנגען** (מוצאי שבת) **האב איך זי באגלייט מיט געזאנג און לידער, און ווער נאך – צווישן אלע אידע קנעכט – איז אזוי איבערגעגעבן ווי איך, און פארוואס האט זי מיר געשיקט דעם בריוו?"**

**ענטפערט דער שליח פונעם שבת: "עס איז איך** (פאר'ן שבת קודש) **דערציילט געווארן אז דיינע תלמידים האבן נעכטן אריינגעברענגט אין דיין הויז ביכער מיט געשריבענע פירושים אויף דער תורה, און דארט שטייט, צו מחלל שבת זיין** (ח"ו)**! דו זאלסט זיך אנגארטלען וועגן דעם כבוד פון שבת, מלחמה צו האלטן א תורה'דיגע מלחמה מיט די שונאים פון שבת, און זאלסט נישט רעספעקטירן קיין שום מענטש!"**

**איך האב מיך דערוועקט פון שלאף, און עס האט מיר זייער געקלאפט מיין הארץ, און איך בין זייער דערשראקן געווארן, כ'האב זיך גלייך געוואשן די הענט** (ווי די הלכה איז ווען מ'שטייט אויף אינדערפרי)**, און איך נעם ארויס די ספרים צו די ליכטיגקייט פון די לבנה, און איך זע ווי דארט שטייט דער פשט פון** (דעם פסוק אין פרשת בראשית) **ויהי בקר, אז ווען עס איז געווארן אינדערפרי פונעם צווייטן טאג, הערשט דאן האט זיך געענדיגט די ערשטע טאג, ווייל די נאכט גייט נאכ'ן טאג,** (קומט אויס לויט דעם, אז פרייטאג צו נאכטס געהער נאך צום פרייטאג, און הערשט זונטאג אינדערפרי ענדיגט זיך דער שבת)**, איך האב כמעט צוריסן מיינע מלבושים פון גרויס פארדרוס. אויך האב איך צוריסן דעם פירוש, ווייל איך האב געטראכט: בעסער צו מחלל זיין איין שבת** (מיט'ן צורייסן) **ווי איידער אידן וועלן זען אזא פשט, און דורכדעם וועלן זי חלילה מחלל שבת זיין, אויך וועלן מיר זיין צו שאנד און צו שפאט צווישן די פעלקער.**

**איך האב מיך איינגעהאלטן וועגן דעם כבוד פונעם שבת, אבער איך האב א נדר געטון, אז גלייך נאך שבת וועל איך מיך נישט לייגן שלאפן, ביז איך וועל שרייבן א לאנגען אויספירליכן בריוו צו ערקלערן דעם תורה'דיגן שבת'דיגן טאג** (אז שבת פאנגט זיך אן פרייטאג צו נאכטס) **און דערמיט אוועקנעמען א שטרויכלונג און א נעץ** (פון ח"ו מחלל שבת צו זיין אום פרייטאג צו נאכטס)**. דער וואס גלייבט** (ח"ו אין) **דעם** (אפיקודס'ישן) **פשט, זאל דער הייליגער באשעפער נעמען פון אים די נקמה פון שבת, און דער וואס ליינט הויך דעם פשט, זאל זיין צונג באהאפטן ווערן צו זיינע גומען** (נישט צו קענען רעדן מער)**, אויך דער שרייבער וואס שרייבט דעם** (אפיקודס'ישן) **פשט, זאל זיין האנט אפגעטריקנט ווערן, און זיין רעכטע אויג זאל פארטינקלט ווערן, און פאר אלע אידן** (וואס לערנען דעם אמת'ן פשט, און גלייבן אין די ווארהייט פון די ווערטער פון די הייליגע חכמים) **זאל זיין** (שטענדיג פאר זיי) **ליכטיג און פרייליך!**

# - נִיגּוּן 'אֶהֶרת הַשַּׁבָּת' מִבַּעַל אֶבֶן עֶזְרָא – אוּן אִידִישׁ גְרָאם –

הניגון מיוחס להרה"ק בעמסה"ק **בת עין** זי"ע - גראמען ע"י: הר"ר **ישראל יוסף וועבער** נ"י

1)
אִיךְ דֶער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, מְ'טוּט מִיר אַזוֹי שֶׁעצְן
אִיךְ בִּין דֶער קְרוֹין פוּן אַלֶע תּוֹרָה גֶעזֶעצְן
אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת ווערְטֶער
גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן בִּין אִיךְ דֶער פֶערְטֶער

1)
תּוֹרָה צוּ לֶערְנֶען מִיר הָאבְּן דִי זְכִיָּ'
אוּן מִיר דֶערְגְרֵייכְן לוֹיט אוּנְזֶער יְגִיעָה
אַנְדֶערְשְׁט אָבֶער וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת גֵייט
הוּנְדֶרְעט מָאל בֶּעסֶער דָאס לֶערְנֶען מְ'פַארְשְׁטֵייט

1)
צְווִישְׁן דֶער טַאטֶע דֶער מֶלֶךְ מַלְכֵי'
אוּן זַיינֶע לִיבֶּע קִינְדֶערְלֶעךְ גֶעטְרֵייעֶ
בִּין אִיךְ דֶער צֵייכְן, אוּן אַן אֵייבִּיגֶער בִּינְד
לְדוֹרֵי דוֹרוֹת פַאר קִינְד'ס קִינְד

1)
גָאר מְכֻבָּד דֶער שַׁבָּת טוּט זַיין
טוּן דַיינֶע אֵייגֶענֶע צְרָכִים הַאלְט דִיךְ אַיין
זָאלְסְט זַיין גֶעוָוארְנְט אוּן זִיךְ הַאלְטְן וַואךְ
נִישְׁט טוּן בְּשׁוּם אוֹפֶן קַיין וָואכֶעדִיגֶע זַאךְ

2)
מַיין הֵיילִיגֶער טָאג אִיז אַזוֹי אַנֶערְקֶענְדִיגְט
דִי בְּרִיאָה אִין מִיר הָאט דֶער בּוֹרֵא פַארְעֶנְדִיגְט
אַזוֹי שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן דְבָרִים מְפֹרָשִׁים
אִין סֵדֶר בְּרֵאשִׁית דִי עֶרְשְׁטֶע פוּן דִי חֲמִשִּׁים

2)
ווִי אוֹיךְ דָאס רֶעדְן אַנְדֶערְשְׁט זַיין זָאל
פוּן דָאס רֶעדְן אִין יְמוֹת הַחוֹל
וְדַבֵּר דָּבָר אִינֶעם פָּסוּק עֶס שְׁטֵייט
שַׁבָּת קוֹדֶשׁ מֶען הֵיילִיגְט דִי רֵייד

2)
מָן פוּן הִימְל אִיז אִין מַיין טָאג נִישְׁט גֶעקוּמֶען
דָאס אִיז אַ צֵייכְן אוּן אַ סִימָן
פַאר דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט אַלֶע מֶענְטְשְׁן
אַז דֶער בּוֹרֵא הָאט מִיר גֶעטוּן בֶּענְטְשְׁן

2)
אִיךְ ווֶעל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן יֶעדֶע פַּיין אוּן צַעַר
דָאס קוּמְט דִיר מִיט רֶעכְט אַלְץ אַ בַּאלוֹינוּנְג אוּן שְׂכַר
דוּ הָאסְט אַגַאנְץ לֶעבְּן מִיר אָפְּגֶעהִיטְן זֵייעֶר
נָאךְ פוּן יוּגְנְט אָן מִיר גֶעהַאלְטְן טֵייעֶר

3)
אִיךְ בִּין אַ דֶערְקְווִיקֶענִישׁ מִיט אַזוֹיפִיל ווֶערְד
פַאר אַלֶע אִידְן וָואס לֶעבְּן אוֹיף דֶער עֶרְד
אוּן אוֹיךְ פַאר דֶעיִע וָואס רִיעֶן אִין דִי קְבָרִים
וַוייל דִי גֵיהִנּוֹם מְ'פַארְשְׁלִיסְט דִי שְׁעָרִים

3)
אָבֶער יֶעצְט לַיידֶער אִין דַיין עֶלְטֶער מְ'גֶעפוּנְט
ס'אִיז גֶעשֶׁעֶן בַּיי דִיר אַן אוּמְווִילְנְדִיגֶער זִינְד
שְׁרֶעקְלִיכֶע בִּיכֶער מְ'הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דַיין רְשׁוּת
קֶענְן מִיךְ שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, דָארְט פַארְשְׁרִיבְּן אִיז

3)
מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן זֵיי פְרֵייעֶן זִיךְ אִין מַיין טָאג
נִישְׁטָא קַיין אַרְבֶּעט נִישְׁטָא קַיין פְּלָאג
סַיי דִי אַלְטֶע אוּן סַיי יוּנְגֶע לַייט
יֶעדֶער אִיז פְרֵיילִיךְ אִין מַיין גֶעהוֹיבֶּענֶע צַייט

3)
אַז פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס, מְ'זָאל חָלִילָה פַארְשְׁוֶועכְן
וַוייל פוּן טָאג אָנְגֶעהוֹיבְּן שַׁבָּת אִיךְ רֶעכְן
ר' אַבְרָהָם ווִיאַזוֹי קֶענְסְטוּ דָאס פַארְשְׁוַוייגְן
אוּן נִישְׁט טוּן אַ נֶדֶר אוּן זִיךְ וַואגְן

4)
טְרוֹיעֶר אוּן עַצְבוּת עֶס טוּט נִישְׁט עֶקְזֶעסְטִירְן
מִיט אֲבֵלוּת מְ'טוּט זִיךְ נִישְׁט פִירְן
יֶעדֶער אִיז אוֹיפְגֶעלֵייגְט, הֶסְפֵּדִים מְ'טָאר נִישְׁט זָאגְן
אֲפִילוּ אוֹיף צַדִּיקִים מְ'טוּט נִישְׁט קְלָאגְן

4)
טָארְסְט אוֹיף קַיין שׁוּם פַאל נִישְׁט, זֵיי שׁוּלְדִיג בְּלַייבְּן
נָאר תֵּיכֶף וּמִיָּד זָאלְסְטוּ בְּרִיוְון שְׁרַייבְּן
בְּרִיוְון וָואס עֶנְהַאלְטְן, דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה
אוּן שִׁיק זֵיי צוּ אַ יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁכוּנָה

4)
קֶנֶעכְטְן אוּן דִינְסְטְן, אַלֶע אָן אוֹיסְנַאם
דִי רוּהִיגְקֵייט פוּן שַׁבָּת זֵיי שְׁפִּירְן דֶעם טַעַם
דִי פֶעלְקֶער וָואס ווֹאוֹינֶען אִין דִי אִידִישֶׁע שְׁטֶעט
קַיין אַרְבֶּעט פוּן זֵיי אוּם שַׁבָּת נִישְׁט מְ'בֶּעט

4)
דֶער רִיכְטִיגֶער זְמַן, פוּן שַׁבָּת לָאז הֶערְן
אַז מְ'זָאל פוּן זֵיי נִישְׁט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט ווֶערְן
זֵיי מְפַרְסֵם פַאר דִי ווֶעלְט, דִי אֱמֶת'ע מְסוֹרָה
דָאס אִיז יֶעצְט פוּן דִיר דִי רְצוֹן הַבּוֹרֵא

3)
אַלֶע פַארְמֶעגְנְס וָואס פַאר'ן מֶענְטְשׁ גֶעהֶערְט
בְּהֵמוֹת אָקְסְן אֵייזְלֶען אוּן פֶערְד
דֶער פַאסְטֶעךְ אִין דִי פֶעלְדֶער טוּט אוֹיף זֵיי אוֹיפְפַּאסְן
אֲפִילוּ זֵיי טִיעֶן דִי גְרָאזֶעלֶעךְ רַייסְן

3)
דֶער הֵיילִיגֶער אֶבֶן עֶזְרָא בַּחֲלוֹם הַלַּיְלָה
בַּאקוּמֶען דֶעם בְּרִיוו הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה
אָט דִי ווֶערְטֶער, גָאר הֵיילִיג, אוּן לוֹיטֶער רֵיין
גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן דוּרְךְ שַׁבָּת אַלֵיין

3)
יֶעדֶער אִידִישׁ קִינְד ווֶען שַׁבָּת קוּמְט אַרַיין
הֵיילִיגְט דֶעם טָאג אוּן מַאכְט קָדוֹשׁ אוֹיף זַיין וַויין
כָאטְשׁ עֶר אִיז אַ גַאנְצֶע וָואךְ פוּן מוּתּוּרוֹת שְׁטַארְק נִזְהָר
דָאךְ ווִי אַ נָזִיר ה' אִיז-עֶר

3)
אַז מִיר ווֶעלְן הִיטְן דֶעם שַׁבָּת כַּשּׁוּרָה
ווֶעט זִי אוּנְז אוֹיךְ הִיטְן מִיט דִי רִיכְטִיגֶע שְׁמִירָה
אוּן דֶער טַאטֶע ווֶעט אוּנְז בַּאפְרֵייעֶן פוּנֶעם גָּלוּת אֲרוּכָּה
**בְּיוֹם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת וּמְנוּחָה!!**